NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13490

LEMEL NASHER

Leib Kvitko

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

ל. קוויטקאָ.

לעמל נאַשער.

אילוסטרירט פון יוסף טשײַקאָוו.

ии645

געדרוקט אין 5000 עקז.
דרוקעריי פון די יורשים
יוסף שענפעלד, קיעוו.
תרע"ט.

לעמל נאשער.

א

איך קאָן אַ יונגל לעמל,—
אַ פּיער נישט קיין יונג,
רוחעשע צוויי אויגלאַך,
אַ גלעקעלע—דער צונג.

דאָס היטל אָהן אַ דאַשעק,
דאָס מיילכל אָהן אַ שלאָס,
עס קוואַקעט ווי אַ פּרעשל,
עס פּלאַפּלט אָהן אַ מאָס.

קוועק-זילבער—די פיסלאַך,
זיי שווינדלען הין און הער,
גיכער, ווי דאָס קעצל,
ווי ס׳צאַפּעקל, נאָך מער...

אך, איז ער אַ נאַשער,
אַ וואוילער פינגער-לעק,
ער האָט אַ קונציק נעזל
און דאָס האָט אַ געשמעק:

באַהאַלט פאַר אים זיין מאַמע
עפּיס אויף אַן אָרט,
שמעקט ער באַלד און נישטערט
און געפינט דאָס פאָרט.

הערט זשע, ס׳האָט געטראָפן
אַ מעשה מיט אַן עק
טאַקי מיט דעם לעמלען,
מיט לעמלען פינגער-לעק.

ב

זומער, אַך, אַ זומער!
פול מיט אויבסן־שלעק,
קאַווענעס אין שטאַלן,
עפּל אין די זעק.

זייערט מען, מע פּרעגלט, —
זויערס, איינגעמאַכטס,
קאָכט דאָס גאַנצע שטעטל
פון שבת־צו־נאַכטס,

זידן פּאַער־פּאַנען,
דרייסן לעבּט און רעש'ט —
און די טעג האָט לעמל
אַך, האָט ער געגאַשט!

פלוימען, עפּל, ווײַנשל,
ווײַמפּערלאַך און נאָך,
איינגעטונקט אין פּרעגלאַכטס
איז ער גאָר די וואָך.

און איך לעמלס מאַמע
לייטן גלײַך אַזוי
האָט זי אָפּגעפּרעגלט
אײַנגעמאַכטס אַ סליי,

גוט פאַרמאַכט, פאַרבונדן,
אײַנגעשנורט מיט שטריק,
אים פאַררוקט אויף הויכע
ווײַט פון לעמלס בליק.

נו, האָט זיך באַהאַלטן,
ווער זשע דאַרף אים דען?
ווייסט פֿון גאָרנישט לעמל
וואָס און ווער און ווען.

איינמאָל איז זיין מאַמע
וועט אין מאַרק אוועק,
איז געבליבן לעמל,
שפּילט ער זיך, דער שנעק.

קערט דאָס מישל איבער,
טענצעלט אויף דער גיך,
בינדט צום פּיסק א האַנטיך,
הידעט, הידעט זיך.

כאַפּט דעם געלן קאַטער,
טוט אים אָן אַ בּריל,
שלעפּט דער מאַמעס ווידנס,
מאַכט זיך פרום און שטיל.

קריגט ער גאָר אַ קאַפּטל,
מאַכט פון דעם אַ באַל,
וואַרפט עס ביז אויף הרובע,
טוט ער גלײַך אַ פאַל.

קערט ער זיך צום הרובע
טוט אַ קוק: אוי, אוי,—
ס'שטעהט דאָך אויף דער הרובע
אײַנגעמאַכטס אַ סלוי!

כאַפּט אַ באַנק צום הריבע,
בענקל אויף דער באַנק,
בענקעלע אויף בענקל—
לעמעלע דערלאַנגט.

האָפּ, און ניט געציטערט,
גרינגער פון אַ שטרוי,
זיצט ער הויך אויף הרובע
גלײַך שוין מיט'ן סלוי.



בינדט ער אָפּ די שטריקלאַך,
ווערט פאַרשוויצט, פאַרברענט,
אינ'ם סלוי אַרײַן איז
גלײַך מיט ביידע הענט.

כאַפּט און לאַפּט און קוויקט זיך,
גיכט און שלינגט און לעקט,
קלעפּט זיך אים דאָס פּנים,
ווערט מיט הוניק באַדעקט.

ווערט אים היכף נמאס,
קוקט ער שוין און זאַפּט,
שפּיגלט זיך און טונקלען,
זעהט זיך דאָרט און גאַפּט.

קרימט זיך אינ׳ם שפּיגל,
מוט מיט מויל אַ קלונג,
שטופּט דעם קאָפּ צום שפּיגל,
לעקן מיט׳ן צונג.

ג

לעמל האָט אַ חבר,
פּאַסט ער, גאָר פאַר אים,
גאָר אַ פרעהליך שטיפער—
מענדעלי באַרים.

קומט ער פון דער שילע,
פאַלט אים פלוצים איין,
וואָס זאָל לעמל נאָטער
היינט אין שול ניט זיין?

געהט אַריין צו לעמלען,
קיינער איז נישטאָ,
ערשט אין קיך דערהערט ער
עמיין איז דאָרט דאָ.

קוקט אַריין פּאַמעליך,
שטיל און שטיל אַזוי,
און דערזעהט דאָרט לעמלען
מיט׳ן קאָפּ אין סלוי....

שטיקט אים אַ געלעכטער,
האַלט ער זיך קוים איין,
פאַלט אים איין אַ שפיצל,
געהט ער שטיל אַריין.

ס'בענקעלע באַלד כאַפּט ער,
ס'בענקל און די באַנק,
שטעלט אַוועק זיי ווייטליך,
שטיל און אָהן אַ קלאַנג.

ט



און אַרויס אין דרויסן
מענדעלי דער שנעק,
בלייבט שוין איף דער הרובע
לעמל פינגער-לעק.

ד

וייסט פון גאַרנישט לעמל,
ווייסט אָבער די טיר,
מיט זי שטיל אַ זונג זיך,
מיט זיך שטיל אַ ריר.

גיט אַ כאַפּ זיך לעמל,
נעמט אים אָן אַ שרעק—
ווייט פאַררוקט די בענקלאַך
אַוועק אין צווייטן עק.

ס'איסגעשמירטע פּנים,
איינגעקלעפּט אין זאַפּט,
רירט זיך, קרימט זיך ווייִנען,
שרעקט זיך, דרעז[illegible] גאַפּט.

שפּאַרט ער זיך בײַ ווענטלאַך,
וואַרפֿט אַראָפּ אַ בליק,
אַך, ווי ווײַט!—דערשראָקן
כאַפּט ער זיך צוריק.

האָט אַ שד געטון דאָס,
אַ וועוורוק, צי אַ מויז?—
ער פאַרקרימט זיך פּלוצים,
גיט אַ בליפּ אַרויס.

בליפּ און בליפּ און בליפּעט,
און צעוויינט זיך גאָר,
מיט די פּיכטע הענטלאַך
אין די נאַסע האָר.

וויינט אַ שעה, אַ צווייטע
און קיין הילף ניט קיין,
נעמט ער סלויִ אַרימען,
דרימלט שטיל זיך איין.

דרימלט מיט'ן קעפּל
אָנגעשפּאַרט אָן סלויִ,
חלומט אַזוי לעטל,
איז אים גיט אַזוי...

ה

קומט אריין אין צימער
מענדעלי באַרים
און אַ חברה יונגוואַרג
באלד אריין נאָך אים.

מ'האַלט זיך ביי די מיילער,
שטיל און שטיל זאל זיין,
בויגן זיך און קרימען,
האלטן זיך קוים איין.

נעמט מען זיך פאר הענטלאַך,
שטעלט מען גלייך זיך אוים,
פלוצים קעגן לעמלען
טאנצט מען, שיסט מען אוים!:

„לעֶמל, לעמל נאשער,
„האסטו דיר א פסק,
„קום אַראָפּ, מיר האבן
„אײנגעמאַכטס אַ זאק!...

גיט אַ כאַפּ זיך לעמל,
ס'הערצל טוט אַ טיאַך,
גיט אַ פליה פון הריבע
און דער סלוי אים נאָך...